בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פר' חקת
שנה ג'

## געפונען חן ביים באשעפער

### חלק א. קונה זיין א מתנה

**לאמיר** באטראכטן א סצענע אין מדבר, א פאסירונג פון וואס מיר לייענען אין די תורה יעדן יאר אין פרשת חקת, אבער ס'איז עפעס וואס מיר לערנען נישט גענוג גוט אדורך. אריינקוקנדיג אין חומש וועלן מיר אנטדעקן עפעס גאר אינטערעסאנט: וּמִשָּׁם בְּאֵרָה - און זיי זענען אנגעקומען צו א ברונעם (חקת כא:טז). ס'איז געווען עפעס א סארט ברונעם פון לויטערע וואסער וואס דאס אידישע פאלק האט געלאגערט נעבן דעם.

אצינד לייגט צו קאפ; דער פסוק זאגט ווייטער: הִוא הַבְּאֵר - דאס איז דער ברונעם, אֲשֶׁר אָמַר הַשֵּׁם לְמֹשֶׁה - איבער וועלכן דער באשעפער האט געזאגט פאר משה, אֱסֹף אֶת הָעָם - "זאמל איין דאס פאלק, וְאֶתְּנָה לָהֶם מָיִם - און איך וועל זיי געבן וואסער" (שם.) זאג פאר די אידן אז איך האב פאר זיי א מתנה; פרישע וואסער צו טרינקען, זיך ארומוואשן און אלע אנדערע באדערפענישן.

### אן אלטער ברונעם, א נייער ניגון

רש"י ברענגט פון חז"ל (במדבר רבה יט:כה) - אז דער ברונעם איז געווען די בארה של מרים, דער זעלבער ברונעם וואס איז מיטגעגאנגען מיט די אידן אין מדבר דורכאויס פערציג יאר. און אזוי לערנט מען פון דער קומענדיגער פסוק: אָז יָשִׁיר יִשְׂרָאֵל אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת - דאן האבן זיי געזונגען די שירה, עֲלִי בְאֵר עֱנוּ לָהּ - "קום ארויף ברונעם, רוף צו איה." דאס הייסט, זיי האבן געזונגען א שירה פון דאנק צום באשעפער, בעטנדיג: "רוף אויס צום באשעפער אז דער ברונעם פון מרים זאל פארזעצן צו ארויסגעבן וואסער ווי עס פלעגט שטענדיג."

דאס לערנט אז אפילו א מענטש האט א מתנה שוין פיל יארן, דארף ער אלעמאל זיך ווענדן צום באשעפער, אים דאנקען און בעטן ער זאל ווייטער געבן. צום ביישפיל, א מענטש קומט אהיים פון שול אינדערפרי און ער זעט זיין ווייב, דאנקט ער דעם באשעפער: "א דאנק באשעפער פאר די מתנה פון א ווייב," - פיל בחורים וואלטן זיך געוואונטשן צו האבן אזא מתנה - "און איך בעט דיר זי זאל בלייבן געזונט." דאס איז וואס א קלוגער איד טוט.

דאס איז איין וועג צו אפלערנען דעם פסוק.

### א נייער ברונעם, א נייער ניגון

אבער דער רמב"ן (שם. לא:יז-כ) ברענגט אן אינטערעסאנטע ידיעה וואס פיל מענטשן ווייסן נישט. ער זאגט אזוי: "לויט די דעה פון טייל חכמים רעדט דער פסוק פון די באר של מרים, אבער עס קען אויך מיינען אן אנדערער ברונעם."

דער אבן עזרא זאגט אויך אזוי: "ואינו הבאר הנקראת באר מרים לפי דעתי - לויט מיין מיינונג איז דער ברונעם נישט די באר של מרים." דאס מיינט אז דאס אידישע פאלק האט געזונגען א שירה פון

בעריכה מיוחדת גליונות לשבת קודש

דאנק צום באשעפער פאר א נייער ברונעם מיט וואסער.

א שירה פאר א ברונעם? עס לוינט אונז צו פארשטיין איבער וואס די שירה איז געווען.

אצינד קוקן מיר אביסל ווייטער אין פסוק: אֲשֶׁר אָמַר הַשֵּׁם לְמֹשֶׁה - וואס דער באשעפער האט געזאגט פאר משה, אֱסֹף אֶת הָעָם - "זאמל איין דאס פאלק, וְאֶתְּנָה לָהֶם מָיִם - און איך וועל זיי געבן וואסער." דאס מיינט, קיינער האט נישט געבעטן דערפאר. קיינער האט זיך נישט אפגערעדט אז זיי זענען דורשטיג. אין א פריערדיגע צייט, ווען די אידן האבן זיך אפגערעדט, האט דער באשעפער זיי געגעבן וואסער. אבער דא זענען זיי געווען צופרידן מיט די וואסער וואס זיי האבן געהאט. דער דאזיגער ברונעם איז זיי געגעבן געווארן אן צו בעטן. דער באשעפער האט געזאגט, "אֱסֹף אֶת הָעָם - "זאמל איין דאס פאלק און איך וועל זיי געבן א מתנה. איך וועל זיי געבן א מתנה פון וואסער, אפילו זיי האבן דאס נישט געבעטן." מיר רעדן דא פון א נייע סארט באר; א ברונעם וואס איז זיי געגעבן געווארן אלס א ספעציעלע מתנה פון באשעפער.

אלזא, ווען דאס האט פאסירט, איז עס געווען אן איבערראשונג. די בני ישראל זענען געווען זייער פרייליך. צום ערשטן מאל, אן צו בעטן, האט דער באשעפער זיי געוויזן א ברונעם פון געשמאקע וואסער. אזא זאך איז א גרויסע מתנה ווען מ'רייזט אין מדבר; האבן זיי דאן אנגעהויבן זינגען שירה.

## מוסר פונעם טאטן

אט די שירה דארפן מיר דורכלערנען. עס איז א שאד אז מענטשן הערן דעם בעל קורא דאס ליינען און ווייסן נישט וואס עס באדייט. אָז יָשִׁיר יִשְׂרָאֵל - דאן האבן די אידן אנגעהויבן זינגען, אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת - די דאזיגע שירה. אין יענע צייט האבן זיי אנגעהויבן זינגען די שירה און זיי האבן פארגעזעצט דאס צו זינגען שטענדיג; זיי האבן געזונגען און געזונגען די רייד בשעת זיי האבן געצויגן ווייטער אין מדבר.

איידער מיר גייען ווייטער, דארפן מיר וויסן אז כאטש וואס אין די תורה קומט פרשת חקת גלייך נאך פרשת קרח, אבער אייגנטליך זענען פיל יארן פארביי אינצווישן. די פאסירונג איז געווען נאך אכט און דרייסיג יאר פון די מעשה מיט קרח. און דורכאויס די גאנצע תקופה האבן די אידן נאכאנאנד געהערט אז דער באשעפער איז נישט צופרידן פון זיי; אַרְבָּעִים שָׁנָה אָקוּט בְּדוֹר - "פאר פערציג יאר האב איך געקריגט מיט דאס פאלק." די אידן האבן כסדר געהערט תוכחה און שארפע שטראף רייד. משה רבינו האט געזאגט: שִׁמְעוּ נָא הַמֹּרִים - "הערט, איר ווידערשפעניגע." משה האט אונז קריטיקירט - ער האט גערעדט אין נאמען פון באשעפער - און מיר האבן זיך געפילט שטארק פארשעמט פון זיך אליין.

## א סיבה צו זינגען

און דא מיטאמאל האט דער באשעפער אונז געוויזן אז ער האט אונז ליב! אהא! דער באשעפער האט אונז שטארק ליב! מיר האבן געמיינט אז מיר געפינען נישט קיין חן אין די אויגן פון באשעפער, און פלוצלינג ווערט אונז געוויזן אז ענדליך זענען מיר געווארן גענוג מושלם אז דער באשעפער איז צופרידן פון אונז! ער האט אונז געגעבן א מתנה, א ברונעם פון ריינע וואסער, אן וואס מיר זאלן דאס האבן געבעטן!

און זיי זענען געווארן באגייסטערט! זיי זענען געווארן אזוי פרייליך ווען זיי האבן דאס געזען, האבן זיי אנגעהויבן צו זינגען שירה! עֲלִי בְאֵר - קום ארויף ברונעם. און זיי האבן געזאגט, "דער ברונעם איז נישט בלויז א ברונעם פון וואסער. וואסער, דאס אליין איז גוט. אבער דאס איז בעסער ווי וואסער. עס איז א ברונעם פון באוויליגונג פון באשעפער! ס'איז א באוויז אז מיר האבן געפונען חן אין די אויגן פון באשעפער." אהא! דאס איז טאקע עפעס וואס איז ווערד צו זינגען דערפאר! שירו לו זמרו לו! מיר זינגען צו אים.

ווי אזוי האט פאסירט דער טויש? וואס איז יעצט געשען? לייג צו מחשבה צו די פאלגנדע ווערטער, וועסטו זען ווי אזוי. דער ענטפער איז א טייל פון די שירה וואס זיי האבן געזונגען און דאס איז וואס מיר וויל אצינד אדורכטון.

ווען די אידן האבן געזען אז דער באשעפער טוט זיי באגנאדיגן, האבן זיי געזונגען אזוי: בְּאֵר - דער ברונעם טוט באווייזן די באוויליגונג פון באשעפער איבער אונז, חֲפָרוּהָ שָׂרִים - עס איז אויסגעגראבן געווארן דורך הערן, כָּרוּהָ נְדִיבֵי הָעָם - עס איז אויסגעהאקט געווארן דורך גוטהארציגע מענטשן פון אונזער פאלק (שם).

## ווער זענען די גוטע הערן?

אייגנטליך קען מען נישט אויסגראבן א ברונעם אין א מדבר. ס׳איז א מליצה׳דיגע שפראך. דער פסוק זאגט אונז אז די מתנה פון באשעפער איז אונז געגעבן געווארן אין זכות פון געוויסע גוטהארציגע מענטשן. ווער זענען אט די הערן און גוטע מענטשן וועלכע האבן צוגעברענגט צו דעם טויש אין דעם באשעפער׳ס צוגאנג צו אונז?

אין מיכה (ו:ד) זאגט דער נביא אין נאמען פון באשעפער: וָאֶשְׁלַח לְפָנֶיךָ אֶת מֹשֶׁה אַהֲרֹן וּמִרְיָם - איך האב געשיקט פאר אייך משה, אהרן און מרים. משה, אהרן און מרים זענען געשיקט געווארן דורך דעם באשעפער צו מחנך זיין דאס פאלק. זיי האבן באקומען די אויפגאבע צו מאכן די בני ישראל אלס א פאלק וואס זאל זיין ווערד צו די חסדים פון באשעפער.

און כאטש וואס די בני ישראל זענען שוין געווען אן אויסגעצייכנטע פאלק ווען זיי זענען ארויס פון מצרים; דער באשעפער האט זיי שוין דאן זייער ליב געהאט - זיי זענען שוין דורכגעגאנגען אזויפיל נסיונות; זיי האבן זיך משלים געווען דורך די צרות אין מצרים - וואס טראץ אלע שוועריקייטן זענען זיי געבליבן געטריי. און דאן האבן זיי געזען אזויפיל פון די גרויסקייט פון באשעפער! יציאת מצרים! קריעת ים סוף! די מן איז געפאלן! דאס פאלק איז געווען זייער געהויבן!

## השי״ת ערווארט מער פון זיי

פונדעסטוועגן, האט דער באשעפער ערווארט מער פון זיי. ביי מתן תורה האט זיי דער באשעפער געזאגט וויפיל ער ערווארט פון זיי. מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אֹתִי... כָּל הַיָּמִים - איך וויל זייער הארץ וואס זיי האבן געהאט ביי קבלת התורה זאל זיין אזוי אויף אייביג (דברים ה:כה).

צי קען טאקע דאס פאלק שטענדיג זיין אין אזא געהויבענע מדריגה וואס זיי זענען געווען ביי מתן תורה?! יא, דאס איז וואס דער באשעפער האט געזאגט. כל הימים מיינט, ״דאס איז וואס איך וויל אויף אייביג. איך ערווארט אלעמאל דעם שטאפל פון געהויבנקייט.״

## אויסארבעטן דאס פאלק

פערציג יאר זענען מיר געווען אונטער די הנהגה פון די גרויסע לייט! משה׳ס פירערשאפט אליין וואלט שוין געווען גענוג צו טוישן דער מהות פון פאלק אבער אהרן האט אים אויך צוגעהאלפן דערצו. און מרים האט געהאט א געוואלדיגער איינפלוס אויף די פרויען. געדענקט ווי ביי די שירת הים איז מרים ארויסגעגאנגען און די פרויען האבן אנגעהויבן מיטזינגען מיט איר, אשירה לה׳. אבער דאס איז נישט געווען אן איינמאליגער אקט. עס איז געווען עפעס וואס מרים האט נאכאנאנד געטון. זי איז געווען די לערערין פון די פרויען.

און אט די דריי געהויבענע מענטשן האבן געארבעט אינאיינעם פאר פערציג יאר - כמעט פערציג יאר - און זיי האבן געטוישט דאס פאלק! די גרויסע לייט האבן ׳אויסגעגראבן דעם ברונעם׳ דורך זייער שלימת המידות און שלימת הדעת, און דאס פאלק האט אנגעהויבן ווערן בעסער און בעסער אין די אויגן פון באשעפער. די מענטשן זענען געטוישט געווארן פון אונטן ארויף ביז דאס גאנצע פאלק האט געפונען חן ביים באשעפער!

און דער באשעפער האט זיי דאס געוויזן דורך א מתנה וואס זיי האבן אפילו נישט געבעטן. די וואסערן פון דעם ברונעם זענען ארויפגעקומען אלס א צייכן פון דעם באשעפער׳ס ליבשאפט צו זיי! עס איז געווען א מתנה וואס האט געצייגט אז די פערציג יאר וואנדערן אין מדבר איז געווען א גרויסע הצלחה פאר אונזער פאלק; דאס זענען געווען די בעסטע יארן אין די היסטאריע פון אונזער פאלק.

# חלק ב. קונה זיין שלימות

## דער סוד פון די מרגלים

לייגט צו קאפ, וויבאלד איך וועל אייך אנטפלעקן א קליינער סוד, וואס פילע ווייסן נישט דעם חידוש וואס איר גייט יעצט הערן. אלע ווייסן, אז כלל ישראל איז געשטראפט געווארן צו בלייבן אין מדבר פאר פערציג יאר, צוליב

דעם חטא פון די מרגלים. אזוי שטייט אין פסוק (במדבר כו, לד), יום לשנה, יום לשנה - איין יאר פאר יעדן טאג וואס איר זענט געגאנגען אויסשפיאנירן דאס לאנד.

באמת דארפן מיר אבער וויסן, אז די גאנצע פרשה פון די מרגלים, איז געווען אזוי אויסגעשטעלט לכתחילה פונעם הייליגן באשעפער. דער אויבערשטער האט באלד פון אנהייב געוואלט אז די אידן זאלן זיין אין מדבר פאר פערציג יאר. דאן איז אנגעקומען די פרשה פון די מרגלים, וואס דאס איז געווען א לעקציע פאר כלל ישראל. דאס איז געשען, וויבאלד די אידן האבן מורא געהאט זיך צו גיין שלאגן מיט די כנענים. האט השי״ת געזאגט, אז וויבאלד די מרגלים האבן גערעדט שלעכטס אויף ארץ ישראל, און אפגערעדט די אידן נישט ארייננצוגיין קיין ארץ ישראל, וועלן די אידן מוזן זיין פערציג יאר אין מדבר.

דער באשעפער האט געוואלט אז די אידן זאלן זיך אפלערנען דערפון. מ׳זאל זען וואס געשעט אויב מען האט נישט קיין אמונה אין השי״ת. אידן זאלן זיך אויסלערנען, אז מ׳דארף האבן אמונה פשוטה, און אויב השי״ת הייסט ארויפגיין קיין ארץ ישראל, גייט מען אן קיין קשיות. דאס איז געווען די סיבה פארוואס השי״ת האט געוואלט אז די אידן זאלן זיין אין מדבר פאר פערציג יאר, אז די אידן זאלן זיך דאס אויסלערנען.

## פארוואס האט השי״ת געהייסן בויען א משכן?

טאקע דערפאר, האט השי״ת אונז געהייסן בויען א משכן, וואס די אידן זאלן קענען מיטנעמען איבעראל. פארוואס האט מען געדארפט א משכן, וואס מ׳זאל קענען מיטנעמען מיט זיך? אויב נאר פאר די עלף טעג - אחד עשר יום מחורב עד קדש ברנע (דברים א, ב) - מיינט דאך דאס, אז די אידן וואלטן אריינגעקומען קיין ארץ כנען אין גאר א קורצע צייט. נו, מאכט מען אזא משכן פאר עלף טעג? איר ווייסט דאך אודאי, אז דער משכן איז געווען גאר א קאמפליצירטע זאך אהערצושטעלן. עס האט געהאט אלע סארטן קליינע איינצלהייטן, און עס איז געווען אהערגעשטעלט אז עס זאל קענען מיטגיין מיט די אידן איבעראל. אלעס וואס מ׳לערנט אין פרשת תרומה און אין פרשת תצוה, אלע איינצלהייטן פונעם משכן, איז געווען געמאכט פאר דעם צוועק, אז מ׳זאל עס קענען צענעמען און צוריק אויפשטעלן.

יעצט, אין לאנד כנען, וואו די אידן וואלטן געדארפט אנקומען אין עלף טעג, וואלט מען דאך מער נישט געדארפט אזא סארט בנין. מ׳זעט דאך שפעטער, ווען די אידן זענען אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, האבן זיי מער נישט ארומגעטראגן דעם משכן. אין די טעג פון יהושע בן נון, זענען זיי אנגעקומען קיין שילה, וואו מ׳האט אראפגעשטעלט דעם משכן, און מ׳האט עס מער נישט ארומגעטראגן. דער משכן איז געשטאנען אין שילה, פאר 369 יאר, און עס האט זיך פון דארט נישט גערירט.

נו, אויב אזוי, אויב נאר פאר עלף טעג, פארוואס האט מען געדארפט א צוזאמלייג משכן? נאר דאס איז געווען, וויבאלד דער הייליגער באשעפער האט גלייך פון אנהייב געוואוסט, אז דאס וועט מיטגיין מיט די אידן אינ׳ם מדבר פאר פערציג יאר.

## אפגעזונדערט פאר פערציג יאר

אויב ווילט איר טענה׳ן, אז די פערציג יאר אין מדבר איז געווען צוליב דעם חטא פון די מרגלים, קענט איר אזוי טענה׳ן. איך זאג אייך נאר, אז השי״ת האט געוואלט מאכן זיין הערליך פאלק, נאך פיל מער הערליך. דער בעסטער פלאץ וואס איז געווען געאייגנט פאר דעם, איז געווען אינ׳ם מדבר, וואו די אידן זענען געווען, הן עם לבדד ישכון (במדבר כג, ט); אן אפגעזונדערט פאלק, אן קיין שום פארבינדונג מיט סיי וועלכער אנדערער פאלק. פאר פערציג יאר האבן זיי געלעבט ארום דעם משכן, און געלעבט מיט משה, אהרן און מרים, און אזוי זענען זיי געווארן גרויס. פערציג יאר צוזאמען מיט משה רבינו, פערציג יאר ארום דעם משכן, דאס איז געווען אן אומפארגלייכבארע הצלחה אין קדושה, צו קענען זיך דורכדעם דערנענטערן צו הקדוש ברוך הוא.

איר ווייסט, אויב וואלטן די אידן באלד אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, וואלט זיי זיך צעשפרייט, איש תחת גפנו ותחת תאנתו, יעדער אין זיין נחלה. מ׳וואלט נישט געזען דעם משכן יעדן טאג. עס וואלט אודאי געווען ערגעצוואו אין צענטער פון לאנד, עס קען דאך אבער נישט זיין איבעראל. און די גרויסע השפעה פון זען דעם משכן - דער היים פון באשעפער, וואלט מען נישט באקומען. אבער אינ׳ם מדבר, האבן די אידן שטענדיג געקענט

זען דעם משכן וואו השי"ת האט געוואוינט. ושכנתי בתוך בני ישראל (שמות כט, מה), דער אויבערשטער האט געוואוינט צווישן די אידן, און די אידן האבן געקענט צוזוויזן וואו דער באשעפער'ס הויז איז. פאר פערציג יאר, האבן די אידן געזען די ענני הכבוד וואס האט באשיצט איבער זיי, און זיי האבן געגעסן לחם מן השמים - מן וואס איז געפאלן פון הימל.

## די לעכטיגקייט פון משה רבינו

די אידן האבן געזען משה רבינו פאר פערציג יאר. צי ווייסט איר וואס מיינט זען משה רבינו? אויב מיר וואלט געזען משה רבינו, נאר איין מאל, נאר פאר איין מינוט, וואלט מיר אנדערש געווארן. יא! מיר וואלטן דאס קיינמאל נישט פארגעסן. יעצט, אויב וואלסטו אים געזען א גאנצע צייט, און ער האט שטענדיג געלערנט מיט די אידן, און דו וואלסט געזען די לעכטיגקייט שיינען פון זיין הייליג פנים, וואלט עס דיר געברענגט א געוואלדיגע תועלת!

צו דעם האבן די אידן זוכה געווען דורכאויס פערציג יאר אין מדבר! משה רבינו האט גערעדט מיט זיי נאכאנאנד, זאגנדיג וואס זיי טוען נישט ריכטיג און זיי געהאלפן ווערן בעסער און בעסער. צו זיין מיט משה רבינו יעדן טאג פאר פערציג יאר, דאס איז געווען דער מקור פון זייער געהויבנקייט! פערציג יאר מיט אהרן און מרים. וואספארא גליק איז דאס געווען! וואספארא דערגרייכונג איז דאס געווען!

## פערציג יאר אין כולל

פאר פערציג יאר איז דארט געווען א כולל! זיי האבן גארנישט געהאט וואס צו טון אויסער לערנען תורה! משה רבינו האט געלערנט מיט זיי תורה יעדן טאג! יעדן טאג האט ער געגעבן א שיעור צו אהרן און אהרן'ס זין, אז זיי זאלן ארויסגיין און עס איבער'חזר'ן. די גמרא (עירובין נד:) דערציילט ווי אזוי אהרן האט עס איבערגע'חזר'ט פאר די זקנים און די זקנים האבן דאס איבערגע'חזר'ט פאר כלל ישראל, אזוי אז די מענטשן האבן דאס געהערט עטליכע מאל; א גאנצן טאג האבן זיי מקיים געווען בשבתך בביתך. דאס גאנצע פאלק איז געווען פארנומען רעדן אין לערנען און פרעגן שאלות.

עס איז געווען איין גרויסער כולל און משה רבינו איז געווען דער ראש הכולל. דאס איז געווען דער ענין פון דער מדבר. זיי האבן נישט איינגעזייט, זיי האבן זיך נישט באשעפטיגט מיט אנדערע זאכן. זיי האבן יעדן טאג באקומען גרייט זייער שפייז - עסן איז געפאלן פון הימל. זיי האבן געהאט בלויז איין באשעפטיגונג, צו לערנען תורה. דאס אלעס וואס זיי האבן געטון א גאנצן טאג אין מדבר.

יעדע אידישע געצעלט איז געווען ווי א קליינע ישיבה אין דעם גרויסן כולל. זיי האבן נישט געהאט קיין תלמוד תורה'ס און קיין מיידל שולעס. יעדע אידישע היים איז געווען א בית יעקב. די מאמע האט געלערנט פאר אירע טעכטער ווי אזוי א אידישע טאכטער דארף זיך אויפפירן און דער טאטע האט געלערנט מיט זיינע זין תורה. יעדע פאמיליע איז געווען א כולל פאמיליע!

## נישט געווען וואו זיך צו באהאלטן

און דרך אגב, עס זענען נישט געווען נאר משה, אהרן און מרים. עס איז געווען אן אויספלאנירטער סדר צו ברענגען די אידן צו שלימות. עס זענען געווען מער ווי 78,000 דיינים וועלכע האבן געפירט דאס פאלק (סנהדרין יח.). יעדע צען אידן האבן געהאט איבער זיי איין דיין, א שר התורה, וואס האט באשטראפט פאר יעדן זינד. ער האט געהאלטן אויפזיכט איבער יעדן באזונדער; צי טוט זיך קריגערייען אין שטוב? צי האט דער מאן געזאגט נישט קיין שיינע רייד צו זיין ווייב? לערנט דער טאטע תורה מיט זיין זון אדער טוט ער זיך נאכלאזן פון זיין אויפגאבע? צי רעדן די קינדער לשון הרע צווישן זיך?

יעדע צען אידן האבן געהאט א משגיח וואס איז געשטאנען איבער זייערע קעפ. און עס איז נישט געווען ווי היינט אין די ישיבות וואו מ'קען זיך אויסבאהאלטן פון דער משגיח. אין מדבר איז נישט געווען וואו זיך צו באהאלטן.

יעדע פופציג אידן האבן געהאט איבער זיך א שר חמישים וואס האט געהאלטן אויפזיכט איבער זיי א גאנצע צייט. ער האט זיכער געמאכט אז די פינף משגיחים אונטער אים טוען זייער ארבעט און ער האט געדארפט

איבערגעבן באריכטן צום שר המאה.

און זיי האבן נישט פארפאטשקעט צייט; משה רבינו האט זיכער געמאכט אז יעדער טוט זיין תפקיד. ער האט זיי נאכאנאנד גע׳מוסר׳ט און זיי האבן זיך צוגעהערט צו אים.

## אויסבעסערן די בעסטע

אין קיין שום אנדערע תקופה איז דאס אידישע פאלק געווען אויסגעשטעלט צו אזא דורכדרינגליכע אויפזיכט; עס איז געווען אזא השגחה, וואס דורכדעם זענען מיר געווארן א מושלם׳דיגע פאלק, נאך פערציג יאר אונטער אזעלכע אומשטענדן. אט אזוי איז דער עם ישראל געווארן דער עם ה׳. נאר ווייל זיי זענען געווען אינאיינעם פאר פערציג יאר אונטער משה רבינו׳ס אויפזיכט זענען זיי געווארן בעסער און בעסער. און ביים סוף פון די פערציג יאר זענען זיי געווען דאס בעסטע וואס זיי האבן געקענט ווערן.

ווען מיר פארשטייען ווי אזוי עס האט געארבעט אין מדבר, קוקן מיר אצינד צוריק מיט די גרעסטע הכרת הטוב אויף דעם פאקט אז מיר זענען געווען פערציג יאר אין מדבר. פערציג יאר האט געטוישט דאס אידישע פאלק אויף אייביג! קיינמאל מער האט קיין דור נישט געהאט די געלעגנהייטן צו דערגרייכן אזעלכע הויכע מדריגות, אזא שלימות אין יעדן הינזיכט.

און נאך די דאזיגע פערציג יאר איז דער עם ישראל געווארן א נייע פאלק - זיי זענען געטוישט געווארן פון קאפ ביז פיס. דאס גאנצע גרויסקייט וואס זיי האבן קונה געווען אין מצרים, אלע מדריגות צו וואס זיי זענען צוגעקומען ביים ים סוף און שפעטער ביים הר סיני, איז יעצט פילפאכיג פארמערט געווארן - זיי זענען אויסגעשטיגן העכער ווי סיי ווען פריער.

## פרשת בלק איז פארבונדן

און דאס איז וואס בלעם איז געשיקט געווארן אונז צו לערנען ווען די גלארייכע תקופה האט זיך געהאלטן ביים ענדיגן. דאס איז געווען ביי די ענדע פון די פערציג יאר ווען בלעם איז ארויפגעקראכן אויף א בארג צו קענען זען דאס אידישע פאלק. פון דער הייעך האט ער אבזערווירט דעם לאגער פון די אידן, ער האט אראפגעקוקט אויף די הונדערטער טויזנטער געצעלטן און געזאגט, כי מראש צורים אראנו - ״איך קוק אויף דאס פאלק פון אויבן פון די בערג.״

וואס מיינט דאס, אז בלעם האט געקוקט אויף אונז ״פון דעם שפיץ פון די בערג״? ווען מען שטייט אויף די ערד און מ׳באטראכט דאס אידישע פאלק, קען מען מיינען אז זיי זענען נישט צופיל אנדערש ווי די אנדערע פעלקער. עס זעט אויס ווי זיי זענען פשוט׳ע מענטש. נאך אלעם, האבן זיי נעזער פונקט ווי יעדער האט א נאז. זיי זענען די זעלבע. אודאי, אויב זענט איר א מאמין ווייסט איר אז עס איז דא א חילוק, אבער פונדרויסן זעען מיר אויס ווי זיי.

אויב וויל מען פארשטיין די גרויסקייט פון דאס אידישע פאלק, דארף מען זיך דערהייבן איבער די ערד און זיי באטראכטן מיט א טיפערן בליק. אויב דו באטראכסט זיי מיט א העכערקייט אין פארשטאנד - נישט ווי סתם מענטשן באטראכטן אנדערע מענטשן; נאר מיט א קלארן בליק - וועט איר איבערראשט ווערן איבער וואס איר וועט זען. ווען איר קוקט אראפ פון אויף די בערג, מראש צורים, איז נישטא קיין פארגלייך צווישן א בן ישראל און סתם א מענטש.

״איר זעט א פאלק וואס האט ווייט נישט קיין פארגלייך צווישן אלע פעלקער אין די וועלט.״ דאס בעסטע פאלק פון היינט און פון אמאל איז קיינמאל נישט צוגעקומען נאנט צו די המון בית ישראל, צו א פשוט׳ער פרומער איד.

## עס איז גארנישט דא קיין שלעכטס!

דאס אידישע פאלק איז געווארן אזוי געהויבן דורכאויס די פערציג יאר, אז בלעם האט זיי נישט געקענט באטראכטן פון אן אנדער פלאץ. ״איר דארפט זיי באטראכטן פון דעם שפיץ בארג!״ און עס איז געווען פון דארט אויפ׳ן שפיץ בארג וואס בלעם האט אראפגעקוקט צו דאס אידישע פאלק און געזאגט - מיט נבואה - לויב רייד

וואס האט נישט קיין גלייכן. ער האט געקוקט אויף דעם לאגער פון דאס אידישע פאלק און ער האט אויסגעדריקט שבחים פון אזא געוואלדיגע גרויסקייט, אזעלכע רימונגען און שעצונג אויף דאס אידישע פאלק, וואס מען טרעפט נישט נאך אזעלכע לויב אויף די אידן אין די תורה.

ווען מיר לערנען וואס ער האט געזאגט איבער אונז, צווערשט איז עס פאר אונז א מורא'דיגע איבערראשונג. ער האט געזאגט, "לא הביט און ביעקב, ולא ראה עמל בישראל - דער באשעפער זעט גארנישט קיין שלעכטס אין די אידן!"

משה רבינו האט קיינמאל נישט געזאגט אזעלכע רייד. ביז דאן האט דאס אידישע פאלק געהאט דעם געפיל ווי זיי זענען א דור פול מיט פראבלעמען; מתאוננים, אזעלכע וואס רעדן זיך נאכאנאנד אפ. און יעצט קומט בלעם צו גיין און זאגט, "מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב, ווי שיין איז דער כלל ישראל. עס איז אייגנטליך נישט בלעם וואס האט דאס גערעדט - דער באשעפער איז דער וואס האט זיי אויסגעלויבט! בלעם האט געזאגט, אֵת אֲשֶׁר יָשִׂים ה' בְּפִי אֹתוֹ אֶשְׁמֹר לְדַבֵּר - איך וועל רעדן נאר וואס דער באשעפער הייסט מיר זאגן!

## א מתנה פאר די כלה

"איר זענט א שלימות'דיגע פאלק," האט דער באשעפער געזאגט. "איך זע נישט קיין פעלער אין אייך." "ווי שיין זענען אייערע געצעלטן." ער האט זיי געלויבט ביזן הימל. זיי זענען געווארן אזוי מושלם נאך פערציג יאר אין מדבר אז ענדליך האט דער באשעפער געזאגט, "יעצט איז די צייט וואס איך וועל אייך ווייזן וויפיל איך שעץ אייך, ווי שטארק איך האב אייך ליב; איך וועל אייך געבן א ברונעם וואסער אלס א מתנה פון מיר צו אייך." ס'איז ווי א חתן וואס שיקט א מתנה פאר זיין כלה - ווי שטארק זי נויטיגט זיך אין די צירונג איז נישט אזוי וויכטיג - ס'איז א צייכן פון זיין ליבשאפט; ס'מיינט, זי האט געפונען חן אין זיינע אויגן.

און דאס איז געווען די גרויסע שמחה; א פרייד אז זיי האבן געפונען חן ביים באשעפער. דאס איז געווען די סיבה פאר זייער שירת הבאר. עס איז געווען זייער שמחה וואס האט ארויסגעברענגט דאס געזאנג - "דער באשעפער האט אונז אנערקענט און געגעבן אן אויסצייכענונג!"

איר פארשטייט אצינד פארוואס די בני ישראל האבן געזונגען א שירה פון שמחה? זיי האבן פארשטאנען אז דער גענאד פון באשעפער וואס איז געוויזן געווארן דורך דעם ברונעם, דאס איז ווערד איבער אלעם! אויף דעם האבן זיי געלעבט. חַיִּים בִּרְצוֹנוֹ! לעבן באדייט, צו דערגרייכן זיין באוויליגונג!

און אזוי האבן זיי געזונגען, עֲלִי בְאֵר עֱנוּ לָהּ - "קום ארויף ברונעם." וואס האבן זיי געוואלט, עס זאל ארויפקומען? זיי האבן געבעטן אז דער באוויליגונג פון באשעפער זאל פארזעצן. מיר זאלן ווייטער געפונען מער און מער חן אין די אויגן פון באשעפער. ווייל דאס איז די גרעסטע שמחה - צו וויסן אז דער באשעפער איז פרייליך מיט דיר.

# חלק ג. קונה זיין כבוד

## דער געוואלדיגער אויסטויש

אצינד זאלט איר גוט צולייגן קאפ צו די ווערטער ווייל די נושא פון געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער איז זייער וויכטיג; ס'איז אייגנטליך די גרעסטע דערגרייכונג אין לעבן. עס איז כדאי צו באצייכענען פון חובת הלבבות (שער עבודת אלקים, פרק ג), ער זאגט אונז אזוי: צָרִיךְ שֶׁיִּתְבָּרֵר - עס מוז זיין קלאר צו א מענטש, שֶׁהַתְּמוּרָה עוֹדֶפֶת עָלָיו - אז די מי וואס ער לייגט אריין צו ווערן בעסער אין די וועלט וועט באלוינט ווערן מיט א געוואלדיגער אויסטויש; פיל מער ווי דו האסט אריינגעלייגט, וועסטו צוריקבאקומען.

וואס וועסטו באקומען? וואס איז די געוואלדיגע זאך וואס דו וועסט באקומען אין אויסטויש? הער די רייד פון דעם חובת הלבבות: וְהוּא רְצוֹת הָקֵל אוֹתוֹ - אז דער באשעפער וועט דיר באוויליגן; ער וועט טראכטן גוט פון דיר. איר הערט דאס?! די באשטעטיגונג, די אנערקענונג פון דיין באשעפער, דאס איז די געוואלדיגע דערגרייכונג אויף וואס מיר דארפן צילן. אז דער באשעפער זאל זיין צופרידן פון דיר; ער זאל האבן א גוטע מיינונג אויף דיר - עס איז נישטא עפעס וויכטיגער ווי דאס!

## דער וויכטיגסטער רצון

איך בין זיכער אז פיל מענטשן האבן קיינמאל נישט געטראכט פון דעם געדאנק אבער מיר דארפן אלעמאל געדענקען וואס משה רבינו האט געזאגט (שמות לג:יג): "לְמַעַן אֶמְצָא חֵן בְּעֵינֶיךָ - באשעפער, איך וויל געפינען חן אין דיינע אויגן."

איר פארשטייט, פיל מענטשן ווילן האנדלען מיט דעם באשעפער נאר ווי אין א ביזנעס - איך וועל טון מצוות און דו וועסט מיר באלוינען; א פארדינסט געשעפט. אבער זיי ציינן נישט קיין אינטערעס אין דאס וואס איז באמת וויכטיג - צו געפינען חן ביים באשעפער.

אבער דאס איז וואס מיר לערנען אצינד, אז חן ביים באשעפער, דאס איז די ווערדפולסטע מתנה. ונמצא חן בעיני אלקים - א איד דארף שטרעבן צו געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער. חַיִּים בִּרְצוֹנוֹ - דאס הייסט לעבן, ווען דו פארדינסט חן ביים באשעפער.

איר דארפט טראכטן ערנסט דערפון. "וואס קען איך טון צו געפינען חן ביים באשעפער?" איינמאל דו וועסט פארשטיין די וויכטיגקייט דערפון, וועסטו ווערן פארנומען מיט דעם רצון צו געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער; דו וועסט זוכן וועגן און מיטלען צו אויסארבעטן דיין כאראקטער. דו וועסט אלעמאל האבן א וואכזאם אויג צו זען ווי אזוי דו קענסט זיך אויפפירן אז דו זאלסט זיין ווערד צו די חן פון באשעפער.

## ליידן פאר כבוד

כדי מיר זאלן זיין פארנומען דורכאויס אונזער גאנץ לעבן צו ארבעטן אויף דעם צו דערגרייכן צו חן ביים באשעפער, האט דער באשעפער איינגעפלאנצט א גלוסטעניש אין א מענטשליכער זעל וואס זאל אונז אנרייצן דאס צו ווען דערגרייכן. יעדער מענטש אויף די וועלט וויל האבן פיל זאכן - עס דערזעט זיך נישט קיין ענדע צו א מענטש'ס גלוסטענישן אויף די וועלט. אבער ווען מיר טוען דאס אנאליזירן - סיי על פי תורה און אויך לויט אונזערע אייגענע פארשונגען איבער די וועלט ארום אונז - וועלן מיר קומען צום אויספיר אז וואס א מענטש וויל אממערסטנס פון אלעם, איז כבוד, עהרע. נישט נאר מיר ווילן עס - מיר גלוסטן דערצו.

צי זעען מיר דען נישט מענטשן וואס געבן אויף פיל זאכן - אפילו זייערע לעבנס - צו באקומען כבוד? סאלדאטן לויפן אריין אין צענטער פון די פולווער ביי מלחמה שלאכטן - זיי וועלן לויפן פאראויס ריזיקירנדיג מיט זייערע לעבנס, מיט די האפענונג אז איין טאג וועט אין עפעס א געוויסער קווארטל אויפגעשטעלט ווערן א געדענק צייכן אין זייער נאמען, וואס קיינער קוקט נישט אן און ליינט נישט די נעמען.

עס זענען דא ארטיסטן וואס גייען קיין פאריז און לעבן אין בוידעמס. זיי הונגערן יארן לאנג, פארברענגנדיג זייערע טעג צו מאלן און פארבן איין בילד נאך די אנדערע. אפשר איין טאג וועט איינע פון זייערע בילדער ארויסגעשטעלט ווערן אויף אן אויסשטעלונג! אהו! דער כבוד פון האבן דיין האנטווערק שטיין אין אן אויסשטעלונג! אויך שרייבערס זיצן אין קעלערס, קאלט און הונגעריג, און זיי שיקן זייערע מעשיות צו פאבליקאציעס, איינע נאך די אנדערע, מיט די האפענונג אז אפשר איין טאג וועלן זיי ווערן אנערקענט.

## בלייבן מיטן שיינעם נאמען

נישט נאר צווישן די גוים. מען זעט דאס אויך ביי געוויסע אידישע קרייזן - איך וויל נישט אנטייטלען וואו - אבער ביי פארשידענע פרומע געמיינדעס איז זייער פארשפרייט אז מענטשן הונגערן ווייל זיי ווילן זיך נישט באשעפטיגן מיט געוויסע סארטן ארבעט. ס'איז נישט פאר זייער כבוד און דערפאר וועלן זיי אויס צו ליידן פון הונגער און קרענק - צומאל קומט עס צו אזא מצב אז מענטשן שטארבן חלילה יונגערהייט ווייל ס'פאסט זיי נישט צו גיין ארבעטן און אזוי בלייבן זיי אן קיין הכנסה מיט וואס זיך צו שפייזן ווי ס'דארף צו זיין. צומאל איז עס ווייל זיי ווילן נאך בלייבן מיט דעם שיינעם טיטל אלס א תורה לערנער, אין די צייט וואס זיי האבן שוין לאנג אפגעלאזט די דאזיגע באשעפטיגונג פון זיצן און לערנען - זייער חשק צום לערנען איז פארשוואונדן געווארן - אבער כדי צו טראגן ווייטער זייער שיינעם נאמען, קליידן זיי זיך ווי תלמידי חכמים און זיי ארבעטן נישט און דאס איז זייער כבוד. צוליב כבוד ליידן זיי און זייערע פאמיליעס און עס איז א גרויסע רחמנות אויף זיי.

און אפילו אויב דו ביסט א צדיק און דו האסט גוט אדורכגעלערנט אז הקנאה והתאוה והכבוד מוציאן את האדם

מין העולם (אבות ד:כא), אז די גלוסטעניש צו כבוד דארף ווערן פאר'מיאוס'ט, אבער מיר קענען זיך נישט פארהוילן פונעם פאקט פון דער מענטשליכער נאטור - מער פון אלעס ווילסטו 'אנערקענונג'. דאס איז א שיינער אויסדרוק פאר 'כבוד' אבער דאס איז דער מציאות; כבוד איז די שטארקסטע גלוסטעניש פון א מענטשליכע זעל! נישט נאר איז דאס א טייל פון א מענטש'ס כאראקטער - ס'איז דער צענטער פון אלע זיינע שטרעבונגען.

## עס ליגט דא פאר א ציל

מיר זאלן אבער נישט טראכטן אז די תאווה צו כבוד וואס מיר שפירן איז בלויז צוליב די פארקרומטקייט און נידריגקייט פון א מענטש. קיין שום מענטשליכער כאראקטער איז נישטא פערצופאל. אז מ'עפנט אויף דעם דאך פון א קאר און מ'באטראכט די אינעווייניגסטע טיילן דערפון, איז כאטש מ'וועט נישט פארשטיין יעדע פיטשיוווקע פארוואס עס איז דארט וועט קיינער נישט זיין נאריש צו טראכטן אז עפעס א טייל געפינט זיך דארט פערצופאל; אז עס געהער נישט צו זיין. מען קען זיין זיכער אז דער פאבריצירער פון דעם קאר האט נישט פארשווענדעט קיין שום שרייפל אומזיסט. יעדע קליינע זאך דארט האט א צוועק.

אזוי קענט איר זיכער זיין אז ווען דער באשעפער האט פאבריצירט דעם מענטש, איז יעדער טייל ארייגעשטעלט געווארן מיט א ציל. נישט אזוי ווי די נארישע עלעמענטן אין די שפיטעלער, וואס זיי קוקן אריין אין א קערפער און זאגן, "דאס איז נישט וויכטיג, ס'איז אן איבריגער ארגאן. מעגליך אז הונדערטער מיליאנען יאר צוריק איז עס געווען וויכטיג אבער אין היינטיגן וועלט פון אנטוויקלונג, מאכט עס בלויז פראבלעמען. מיר דארפן אפעררירן און עס ארויסנעמען." זיי פלעגן דאס זאגן איבער די מאנדלען. די דאקטוירים פלעגן באשטימען, "אז א קינד ליידט פון פארקילעכץ, דארפן די מאנדלען ארויסגענומען ווערן."

היינט האבן זיי שוין ענדליך איינגעזען אז זיי ווייסן זייער ווייניג; דער באשעפער וועט נישט אריינלייגן קיין שום זאך אין קערפער וואס איז נישט וויכטיג. ווי א געוויסער וויסנשאפטלער האט זיך אויסגעדריקט: "איך וואלט געווען א לייכטזיניגער מענטש צו זאגן אז סיי וואס אין קערפער איז איבריג."

## ריכטיגער כבוד

דאס זעלבע איז אויך מיט יעדער סארט אינערליכער געפיל. יעדע גלוסטעניש וואס געפינט זיך נאטורליך אין א מענטש איז דארט מיט א ציל. און אויב דער באשעפער האט אריינגעלייגט אין א מענטשליך הארץ א רייץ צו כבוד, דארפן מיר וויסן אז עס דארף דארט זיין. אזוי האט דער באשעפער באשאפן דעם מענטש אז דער אינסטינקט צו וועלן האבן כבוד איז פון די שטארקסטע שטרעבונגען פון א מענטש.

דער פראבלעם איז נאר, ווען אומדורכגעטראכטע מענטשן פארקירעווען דעם כבוד רצון צו נארישע אידיאלאגיעס; צו ווערן א מלחמה העלד אדער א מייסטער מאלער! דער באשעפער זאגט, "איר זאלט וועלן האבן כבוד, אויסדרוקליך. נאר איר זאלט וועלן האבן דער ריכטיגער סארט כבוד - שעצונג דורך מיר! צו געפינען חן אין מיינע אויגן, דאס איז דער איינציגסטער סארט כבוד וואס איז אינטערעסאנט."

## די ריכטיגע העלד

כדי צו באקומען כבוד פון באשעפער, איז נאר דא איין וועג, און דאס איז דורך די דרכי התורה! ס'איז נישטא קיין אנדער וועג! נישט דורך זיך באווייזן, נישט דורך ווערן פאפולער. די אלע מענטשן וואס זייערע נעמען ווערן באשריבן אין די צייטונגען, דאס איז נישט כבוד. מען קען זאגן אז עס איז פונקט פארקערט. די וועלט מיינט אז א בילד פון א העלד איז איינער מיט שטארקע מוסקלען און א שיסער אין האנט. פאקטיש איז דער נישט קיין העלד, ער איז א מערדער!

ווער איז א העלד? א פרומער איד וואס לערנט תורה און איז מקיים מצוות אדער אן ערליכע אידענע וואס האדעוועט איידעלע אידישע קינדערלעך צו גיין אין די וועגן פון די תורה. אזוי זאגן אונז די חז"ל, אין כבוד אלא תורה! נאר די דרכי התורה איז כבוד. נאר פאר די וואס גייען אין די וועגן פון תורה קומט זיך צו פארדינען כבוד. טאקע די 'פשוט'ע אידענע', אט זי! זי פירט א גאנצע פאבריקאציע, זי איז א ריכטיגע העלדין!

אלזא, די אידישע פרוי ביי זיך אין שטוב, וואס קאכט און רוימט, זי ערציט די קינדער, קויפט איין און דאוונט

צום באשפעער וויפיל עס איז מעגליך - זי זאל טון וואס זי קען צו געפינען חן אין די אויגן פון באשפעער. אודאי, אין אנהייב איז נישט גרינג צו טראכטן דערפון נאכאנאנד, אבער עס לוינט צו צולייגן אביסל מחשבה צו אלעם וואס זי טוט. זי זאל נישט שטרעבן בלויז אז זי זאל מצליח זיין מיט אירע טעכנישע אויפגאבן - ניין. זי טוט אירע פליכטן כדי צו געפינען חן אין די אויגן פון באשפעער.

און אויב ביסטו א ביזנעסמאן, פראביר אלעמאל צו האנדלען ערליך, זיין פארזיכטיג מיט אלע דינים פון חושן משפט; באהאנדל דיינע קליענטן מיט דרך ארץ און מענטשליכקייט. אבער טו עס נישט בלויז ווייל מענטשן זאלן דיר ליב האבן - נאר ווייל דו ווילסט די שעצונג פון באשפעער!

א העלד איז אן ערליכער איד מיט גוטע מידות וואס איז מקיים די תורה, און פראבירט זיך צו פירן בדרך הישר. אט זענען די העלדן וועמען מיר שטרעבן צו נאכטון; און מיר טוען עס פאר כבוד - דער ריכטיגער סארט כבוד, אזוי אז מיר זאלן געפעלן פאר דעם באשפעער; ער זאל טראכטן גוטס אויף אונז (חובת הלבבות שם.). יעדער אנדערער כבוד פארנעמט נישט קיין ארט!

## ווי איז עס נאך א שעה?

דערביי איז דא נאך א וויכטיגע נקודה וואס מיר דארפן פארשטיין, אז ס'איז פאקטיש נישטא קיין אמת'ער כבוד אין עולם הזה! ווען מ'באקומט כבוד אויף די וועלט, איז עס באמת א לעכערליכע זאך. וואס איז עס דען אויב מענטשן געבן דיר כבוד?! מענטשן זענען דיר מכבד? וואס געבט עס דיר צו?

שטעל זיך פאר דו ווערסט געלאדענט צו א פארזאמלונג פון 70,000 מענטשן אין א גרויסער זאל, אלס אורח הכבוד. אפשר האסטו געשריבן א ליד אדער אנדערע נארישע זאך און יעצט ווערסטו באערט. 70,000 האבן זיך איינגעזאמלט דיר צו באערן און ווען דו ווערסט אויפגערופן שטעלן זיך אלע אויף די פיס און אפלאדירן דיר. אה! אה אה אה! דאס איז א מאמענט פון לעבן! איך האב מורא דו וועסט זיך נויטיגן אין א מענטש וואס זאל דיר אונטערלאזנען - דו וועסט זיך נישט קענען האלטן גראד, דו וועסט אומפאלן פון גרויס פרייד.

דאס איז אזוי באדייטלאז ווי עס קען נאר זיין! א שעה שפעטער איז אלעס פארביי. די מענטשן גייען אהיים און פארגעסן פון דיר. ווייסטו צו וואס דאס איז געגליכן? ס'איז אזוי ווי 70,000 מיקראבן אויף די פאדלאגע פונעם זאל זאלן דיר אפלאדירן. אויב 70,000 מיקראבן אויף די פאדלאגע אפלאדירן דיר וואלטסטו געווען פריילעך? וואס מיינט עס צו דיר בכלל? איין שטיק גארנישט.

## די ווערדפולסטע נאבעל אויסצייכענונג

אט איז דא א מענטש וואס באקומט אן עהרן אויסצייכענונג; ער האט געוואונען דער נאבעל אויסצייכענונג פונעם יאר, גייט ער צום ארט וואו מען נעמט אפ די אויסצייכענונגען און ער ווערט באערט און דערצו באקומט ער אויך א גרויסער סכום געלט; ער איז זייער פריילעך. אבער דאס איז גארנישט.

אלע כבוד פון די וועלט איז פוסט - ס'איז גאר איבערפלעכליך. ווען איינער האט אמאל געוואלט געבן כבוד פארן חפץ חיים זצ"ל, האט ער געזאגט: "כבוד איז ווי קוגל. און מ'עסט נישט קוגל ערב שבת." דאס מיינט, כבוד איז גוט אבער נישט יעצט; ס'איז צו פריצייטיג. עס איז אנגעגרייט פאר די קומענדיגע וועלט. ס'איז ווי מ'זאל עסן קוגל ערב שבת. ווען מ'עסט קוגל ערב שבת איז עס זייער געשמאק, אבער נישט דאן איז די ריכטיגע צייט דערפאר.

כבוד איז נישט פאלש, אבער מ'דארף וויסן וואו עס געהערט. בעולם הבא איז דער ריכטיגער ארט צו באקומען כבוד. ווארט ביז שבת, דאן וועסטו באקומען וואס ס'קומט דיר; די בעסטע קוגל איז די עהרע אין קומענדיגן וועלט. דארט באקומט מען א נאבעל אויסצייכענונג וואס האט אן אמת'ער ווערד און בלייבט אויף אייביג. און דאס איז מיליאן מאל - אן קיין גוזמא - מער ווערד ווי די אויסצייכענונג וואס דער איבנדערמאנטער מענטש האט ערהאלטן. די אמת'ע נאבעל אויסצייכענונג איז דער כבוד וואס אן עבד ה' באקומט בעולם הבא.

## אן איבערלעבעניש

די איינציגסטע אפלאדירונג וואס האט א ווערד, איז אויב דער באשפעער זאל דיר אפלאדירן! עס איז דא נאר

איין פאבליקום וואס גייט אונז אן, און דאס איז דער הייליגער באשעפער. ער איז דער פאבליקום אין עולם הבא און אה, וועט דאס זיין אן איבערלעבעניש!

ס׳איז כדאי זיך דאס פארצושטעלן אין געדאנק. ס׳איז וויכטיג צו נעמען די צייט זיך צו אויס׳משל׳ן וואס עס גייט זיין: דער באשעפער, כביכול, זיצט דארט אויף דער טריבונע און ארום אים זענען די נביאים; משה רבינו און אהרן הכהן און אלע אנדערע נביאים, די תנאים און אמוראים, די ראשונים און אחרונים, אלע גרויסע מענטשן פון אלע דורות ביז צום היינטיגן טאג, זיי זיצן און אפלאדירן דיר ווייל דו האסט מצליח געווען אין דיין תפקיד אין עולם הזה.

אבער דער אמת איז, אז דער באשעפער אליין איז שוין גענוג א פאבליקום, דער בעסטער פאבליקום.

## איבער די כוחות

ווען דער באשעפער וועט דיר אפלאדירן אין עולם הבא, וועסטו דארפן האבן אזויפיל כח דאס צוביישטיין. ס׳איז גלייך צו א מענטש וואס ערהאלט פלוצלינג א טעלעגראם: ״א גרויסער עושר אין פראנקרייך וואס איז געווען דיין עלטער-עלטער-פעטער איז געשטארבן און ער האט פארשריבן פאר דיר ירושה אין זיין צוואה. ער האט דיר איבערגעלאזט הונדערט מיליאן דאלער.״ אלזא, איידער דער שליח געבט אים איבער דער טעלעגראם, זאל ער אים בעסער געבן א פלעשל אספרין ווייל ער קען אויסגיין פון די פלוצלינגדיגע פרייליכע בשורה. זיין הארץ וועט עס נישט אויסהאלטן. עס האט פאקטיש אזוי פאסירט אמאל. א מענטש האט באקומען אזעלכע נייעס און ער איז אויפ׳ן ארט געשטארבן.

ווען דו קומסט ארויף אין הימל פאר דעם באשעפער און דער באשעפער, כביכול, שמייכלט צו דיר, וועט עס זיין מיליאן מאל מער געשמאק ווי צו ערהאלטן אזא ירושה. דו וועסט צעלאזט ווערן פון גליק! עס איז צו פיל פאר אונז צו דערהייבן! דו וועסט דארפן האבן ספעציעלע כח עס צו אויסהאלטן. אבער איינאיינעם מיט דעם כבוד וועט דער באשעפער געבן דעם כח דערצו. ווי די גמרא זאגט, אז ווען צדיקים קומען פאר׳ן באשעפער, שמייכלט דער באשעפער צו זיי און דאס איז אזא געוואלדיגע הנאה, אז דער באשעפער מוז זיי געבען ספעציעלע כוחות צו ביישטיין אזא גליק. דער באשעפער געבט פאר די צדיקים כח צו אויסהאלטן דעם געוואלדיגן כבוד בעולם הבא. דאס איז דער כבוד וואס אינטערעסירט אונז.

## וואס קען זיין בעסער ווי דאס?

און דאס איז דער סארט כבוד וואס די בני ישראל אין מדבר האבן געוואלט האבן. פאר כמעט פערציג יאר האבן זיי זיך איינגעוואוינט צו טראכטן בלויז פון דעם. ״צי וועט דער באשעפער זיין צופרידן אויב איך טו דאס? אפשר וועל איך געפינען מער חן אין זיינע אויגן אויב איך טו דאס?״ ווייל זיי האבן דערגרייכט צו אזא שלימות אין דעת אונטער די הנהגה פון די ׳גוטהארציגע הערן׳, האבן זיי געוואוסט אז דער עיקר פון אלעם איז צו געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער. דאס איז דאס גרעסטע גליק; צו וויסן אז דער באשעפער איז צופרידן מיט דיר.

און ווייל זיי האבן אזוי שטארק געשטרעבט צו זיין באוויליגט ביים באשעפער, איז ווען זיי האבן געזען אז דער באשעפער האט זיי געגעבן א מתנה פון א ברונעם אן צו בעטן דערפאר, וואס דאס געווען א צייכן פאר זיי אז זיי האבן געפונען חן ביים באשעפער, האט זיי עס געמאכט גאר פרייליך! ׳דער באשעפער איז צופרידן מיט אונז! וואס קען זיין בעסער ווי דאס?!׳

און דער עיקר, דאס איז געווען א רמז אויף וואס עס ווארט פאר זיי אין עולם הבא! צו געפינען חן אין די אויגן פון באשעפער, איז נישט נאר וואס דאס איז דער זיסטער תענוג אויף די וועלט, נאר ס׳איז אויך א באוויז אויף די פיל גרעסערע זיסקייט וואס ערווארט אין עולם הבא, ווען דער באשעפער וועט לייכטן זיין פנים אויף דיר און דיר באגריסן: ״יא, מיין קינד. דו האסט געפונען חן אין מיינע אויגן און איך האב דיר ליב!״

# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאלה:

**ווען איך נעם מיין קינד צו גיין כאפן פיש איז בעסער צו באטאנען דעם ענין פון צער בעלי חיים אדער ענדערש צו באטאנען דעם ענין אז ס'איז א זכות פאר די פיש צו ווערן געגעסן דורך אן עובד ה' וואס וועט ניצן דעם כח וואס ער באקומט דערפון, צו דינען דעם באשעפער?**

### תשובה:

ערשטנס, ווער נעמט די קינדער צו כאפן פיש?! איך האב דאס קיינמאל נישט געטון! עס שטייט אויך נישט אז יעקב אבינו האט גענומען זיינע קינדער צו כאפן פיש. צו גיין כאפן פיש פאר פארוויילונג איז אן אונטערהאלטונג נאכגעמאכט פון די גויים. ניין, ס'איז נישט ריכטיג. ס'איז דא בעסערע זאכן צו טון ווי צו גיין כאפן פיש.

קענסט נעמען דיין קינד אויף א שפאציר צו באטראכטן די גראז. און זאג אים, "דאס איז דיין וואלענער ווינטער מאנטל." "מיין מאנטל?" וועט ער פרעגן, "וואס מיינסטו צו זאגן דערמיט?" יא, די שאף עסן די גראז און דערפון ווערט וואל. קענסט זיך פארשטעלן אזא סארט מאשין? דו לייגסט אריין גראז און עס געבט ארויס וואל פאר דיר. אייגנטליך, דו ביסט גראז. דו עסט פלייש וואס קומט פון די בהמות וואס זענען געוואקסן דורך די גראז וואס זיי האבן געגעסן. יא, א קו איז א נס. דו לייגסט אריין גראז און עס פראדוצירט פלייש און מילך. די אלע גראז ווערט פלייש אין דיין טעלער און די מילך אין דיין פריזשידער. איז אויב דו ערקלערסט דאס צו דיין קינד און ערקלערסט דאס נאכאמאל צו דיין קינד שטייטליך, הייבט ער אן צו דערהערן די נפלאות הבורא.

אבער צו גיין כאפן פיש? דער גאנצער באגריף איז נאכגעמאכט פון די גויים. איז וועסטו דארפן טראכטן א בעסערער געדאנק ווי צו גיין כאפן פיש.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת, אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:**

**347-755-8860**

yiddish@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן